בס"ד
ויקרא - זכור תשפ"ד
גליון 183

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה

אַ פְרֵיילִיכְן לֶעכְטִיגְן פּוּרִים פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער

אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס ר' נָתָן בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אַז דִי הָאָרָה, דִי לִיכְטִיגְקֵייט אוּן קְדוּשָּׁה וָואס שַׁיינְט אִין דִי יְמֵי הַפּוּרִים אִיז נִישְׁטָא אִין קֵיין שׁוּם טָאג פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר, אֲפִילוּ שַׁבָּתִים אוּן יָמִים טוֹבִים וֶועלְכֶע זֶענֶען גָאר הֵיילִיגֶע טֶעג, אָבֶער דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן פּוּרִים אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אֲפִילוּ מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט אוּן מְ'זֶעט גָארְנִישְׁט.

ר' נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז אַלֶע הַתְחָלוֹת אִיז פוּן פּוּרִים. לְמַעֲשֶׂה וֶוער פוּן אוּנְז ווִיל דֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּונָה? וֶוער ווִיל דֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ? אוּן וֶוער ווִיל דֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה? וֶועלְכֶער אִינְגְל ווִיל דֶען נִישְׁט הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן אַ גוּטֶע וֶועג ווִיאַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן?

וֶוער ווִיל דֶען נִישְׁט הָאבְּן הַרְחָבָה בְּגַשְׁמִיּוּת; אַ גְרוֹיסֶע הוֹיז מִיט אַסַאךְ שְׁפִּילְצַייג, גֶעשְׁמַאקֶע מַאֲכָלִים, וֶועל ווִיל נִישְׁט הָאבְּן אַסַאךְ גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן אִים בֶּאֱמֶת לִיבּ? וֶוער פוּן אוּנְז ווִיל נִישְׁט מְ'זָאל אִים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער? טַייעֶרֶע אִינְגֶעל ווִילְסְטוּ דֶען נִישְׁט אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיינֶע מְלַמְּדִים זָאלְן הָאבְּן פוּן דִיר אַסַאךְ אִידִישׁ חֲסִידִישׁ נַחַת? לִיכְטִיגֶער אִינְגְל, הָאסְטוּ דֶען נִישְׁט אַסַאךְ בַּקָּשׁוֹת צוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן? וֶועלְכֶער אִיד בֶּענְקְט נִישְׁט צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה אוּן צוּ בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ עֶס זָאל שׁוֹין נִתְגַּלֶה וֶוערְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט?

טַייעֶרֶער אִינְגְל! הָאסְט יֶעצְט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גֶעלֶעגְנְהַייט! דִי הֵיילִיגֶע טֶעג תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, שַׁבָּת פַאר פּוּרִים, פּוּרִים, שׁוּשַׁן פּוּרִים אִיז אוֹיךְ פּוּרִים. טְרֶעף זִיךְ אַפָּאר מִינוּט אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן זָאג אַרוֹיס אַפָּאר דִיבּוּרִים פַארְן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, אֲפִילוּ אָן הִתְעוֹרְרוּת אֲפִילוּ עֶס אִיז אָן הַארְץ, קַאלְטֶע וֶוערְטֶער, זָאלְסְט ווִיסְן אַז דַיינֶע וֶוערְטֶער קוּמֶען אָן בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד אוּן בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ יְשׁוּעוֹת פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל

המשך אויף קומענדיגע זייט

המשך פון זייט 1

בְּרוּחָנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת.

עֶס וָואלְט גֶעוֶוען כְּדַאי אַז יֶעדֶער אִינְגְל זָאל לֶערְנֶען אַבִּיסְל פוּן דִי מְגִלָּה מִיט אַ פֵּירוּשׁ, רַשִׁ״י אָדֶער אַנְדֶערֶע פֵּירוּשִׁים, צוּ קֶענֶען מִיטְלֶעבְּן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין דִי נִסִּים פוּן דִי מְגִלָּה. אַזוֹי וִוי ר׳ נָתָן בֶּעט זִיךְ אִין דִי תְּפִלָּה פוּן פּוּרִים: ״ אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן קְרִיאַת הַמְגִלָּה מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה אוּן טָהֳרָה מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים אוּן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת צוּ מְפַרְסֵם זַיין דֶעם גְרוֹיסְן נֵס פַאר אַלֶעמֶען״. ר׳ נָתָן בֶּעט וַוייטֶער: ״אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ, מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים אוּן דִי מִצְוָה פוּן סְעוּדַת פּוּרִים מִיט אַ שְׁלֵימוּת אוּן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַזִּיק זַיין קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ אִינֶעם טָאג פּוּרִים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פְּרֵייליךְ זַיין אוּן אוֹיךְ צוּ דֶערְפְרֵייעֶן אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוּן שִׂמְחָה עֲצוּמָה מְאֹד מְאֹד נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בִּישׁוּעָתֶךָ״.



דֶער בֵּאוּר הֲלָכָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶער לָשׁוֹן פוּן מְאִירִי: ״אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחֻיָּב צוּ פַארְמֶערְן שִׂמְחָה אִין דֶעם טָאג צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען עֶס זָאל גָארְנִישְׁט פֶּעלְן. אָבֶער מִיר זֶענֶען נִישְׁט בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ אָנְצוּטְרוּנְקֶען אוּן דֶערְנִידֶערְן מִתּוֹךְ הַשִּׂמְחָה, וַוייל דִי חֲכָמִים הָאבְן אוּנְז נִישְׁט בַּאפוֹילְן צוּ הָאבְן שִׂמְחָה פוּן הוֹלְלוּת אוּן שְׁטוּתִים, נָאר צוּ אַ שִׂמְחָה פוּן תַּעֲנוּג וָואס דוּרְכְדֶעם דֶערְגְרַייכְט מֶען צוּ אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִים צוּ דַאנְקְן אוֹיף דִי נִסִּים וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעטוּן״.

לָאמִיר גֶעדֶענְקֶען דִי שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (שִׂיחָה ב׳) אַז פַאר יֶעדְן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן אוּן אַרוֹיפְוַוארְפְן אוֹיפְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֶע תְּנוּעוֹת אוּן אַלֶע הִתְנַהֲגוּת אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיף אִים אַזוֹי דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וְויאַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה דָאס יָאר צוּ אַלֶע נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַלֶע דוֹרוֹת, צוּ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין דִי שִׂמְחָה פוּן פּוּרִים אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר. מִיר זָאלְן שׁוֹין וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן הָמָן עֲמָלֵק אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשַּׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, אָמֵן.

# אײן מעשה'לע



## דִי װֶעג צוּם בַּר-מִצְוָה

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בַּר-מִצְוָה פוּן אַ נָאנְטְן, אָבֶּער מַײן טַאטֶע הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען גֵיין צוּ דֶער בַּר-מִצְוָה נָאר אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אַ װֶעג װיאַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען דָארְט. הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ מִתְפַּלֵל זַײן אוּן װען אִיךְ װֶעל בַּאקוּמֶען דִי יְשׁוּעָה װֶעל אִיךְ עֶס דֶערְצֵיילְן דָא אִין 'מַײן מַעֲשֶׂה'לֶע', אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ װֶעג אָנְצוּקוּמֶען צוּ דֶער בַּר-מִצְוָה.

## אַ גֶעװֵיין פַארְלֶעשְׂט דָאס פַײעֶר

נָאךְ אֵיין מַעֲשֶׂה װִיל אִיךְ דֶערְצֵיילְן. אֵיין נַאכְט הָאט מַײן קְלֵיינֶע שְׁװֶעסְטֶער זֵייעֶר גֶעװֵיינְט, מַײן מַאמֶע זַײעֶנְדִיג זֵייעֶר מִיד הָאט נִישְׂט גֶעהַאט דִי כּוֹחוֹת אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן בֶּעט, זִי הָאט גֶעהָאפְט אַז דִי גֶעװֵיינֶעַרייעֶן װֶעלְן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, לְמַעֲשֶׂה הָאט זִי גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין וֵויינֶען, אִיז מַײן מַאמֶע אַרַײן אִין קָאךְ נֶעמֶען עֶפֶּעס צוּ בַּארוּאִיגְן מַײן שְׁװֶעסְטֶער, אַזוֹי װִי זִי קוּמְט אַרַײן אִין קָאךְ בַּאמֶערְקְט זִי גְלַײךְ אַז זִי הָאט פַארְגֶעסְן צוּ פַארְלֶעשְׁן דֶער טָאפּ טְשׁוּלֶענְט אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ פַײעֶר אַרוּם דֶער טָאפּ, גְלַײךְ הָאט זִי פַארְלָאשְׁן דָאס פַײעֶר, זִי גֵייט צוּרִיק צוּ מַײן שְׁװֶעסְטֶער, אִיז זִי שׁוֹין גֶעװֶען אַײנְגֶעזִינְקֶען אִין אַ טִיפֶע שְׁלָאף! דַאן הָאט זִי שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי גֶעװֵיינֶעַרייעֶן זֶענֶען גָאר גֶעװֶען אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, צוּ קֶענֶען פַארְלֶעשְׁן דָאס פַײעֶר.

יְיַשַׁר כֹּחַ פַאר מַײן מַעֲשֶׂה'לֶע אוּן דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט

**נַחְמָן ב. קִרְיַת יוֹאֵל**

## הֲשָׁבַת אֲבֵידָה

אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט אַ בָּאס אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶע אִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד אַ טַײסְטֶער, אִיךְ הֵייבּ עֶס אוֹיף אוּן אִיךְ זֶע אַז עֶס בַּאלַאנְגְט פַאר מַײן חַבֵר, הָאבּ אִיךְ גְלַײךְ מְקַיֵים גֶעװֶען דִי מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵידָה, װען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר הָאבּ אִיךְ עֶס צוּרִיקְגֶעגֶעבְּן פַאר דֶעם חַבֵר. אִיךְ דַאנְק דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעװֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה.

**יִשְׂרָאֵל נַחְמָן, יְרוּשָׁלַיִם**

## דעם רבינ'ס משלים



המשך פון לעצטע זייט

בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה צוּם צַדִיק אוּן מִיט דֶעם דֶערְנֶענְטֶערְט עֶר דֶעם צַדִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער וַוייל "צַדִיק אֹכֵל לְשֹׂבַע נַפְשׁוֹ (משלי יג, כה)" אוּן דִי בְּחִינָה פוּן "וְהִשְׂבִּיעַ בְּצַחְצָחוֹת נַפְשֶׁךָ (ישעיהו נח, יא)" קוּמְט אוֹיס דֶערְפוּן אַז דֶער גְרוֹיסֶער אֶמֶת'ער צַדִיק אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ זַײן פַּרְנָסָה אוּן אֲכִילָה צוּ 'אוֹרוֹת הַצַחְצָחוֹת' אוּן דוּרְךְ דִי צַחְצָחוֹת װֶערְט בָּטֵל דֶער מֶסֶךְ הַמַבְדִיל - דֶער וַואנְט וָואס טֵיילְט אָפּ, אוּן דֶער צַדִיק װֶערְט דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. קוּמְט אוֹיס אַז דֶער אִיד הָאט מִיט זַײן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה צוּם צַדִיק גוֹרֵם גֶעװֶען אַ גֶעװַאלְדִיגֶע תַּעֲנוּג אַז דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר צוּזַאמְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם צַדִיק צוּ הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ.

(שיחות הר"ן כ"ד)

# וואו קויפט מען אוּנְגַאַרִישֶׁע וַויין?



ר' בֵּיינִישׁ וָואס מַאכְסְטוּ?

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט גָאט, גַאנְץ גוּט.

הָאסְט שׁוֹין גֶעקוֹיפְט וַויין פַאר פּוּרִים?

יָא יָא, נֶעבְּן מַיין שְׁטוּבּ אִיז דָא אַ וַויין גֶעשֶׁעפְט אַ גְרוֹיסֶער, אִיךְ קָאסְט און אִיךְ פַּארְזוּךְ שׁוֹין פַאר דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן אַלֶע וַויינֶען און וָואדְקֶעס, שְׁנַאפְּס און אַלֶע סָארְטְן... כְ'הָאבּ שׁוֹין זֶעקְס און צְוָואנְצִיג סָארְטְן וַויינֶען, אִיךְ בִּין גְרֵייט פַאר פּוּרִים!

זָאג נָאר בֵּיינִישׁ, אוּנְגַארִישֶׁע וַויין הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעקוֹיפְט?!

וָואס אִיז דָאס אוּנְגַארִישֶׁע וַויין? אַ נַייֶע סָארְט וַויין? נִישְׁט גֶעזֶען קֵיינֶער זָאל דָאס פְּרָאקְלָאמִירְן?

אוֹי בֵּיינִישׁ, וָואס אִיז מִיט דִיר? אַזַא וַויין זוֹיפֶער וִוי דוּ, דארְף גָאר וִויכְטִיג וִויסְן פוּן דֶעם אָרְגִינַאלֶעם וַויין, דָאס אִיז אַ אֶמֶת'דִיגֶע סָארְט וַויין, עֶס פָּארְט אַרַיין אִין גָארְגְל זֵייעֶר אֵיידְל און רֵיין, מֶען בְּרֶעכְט נִישְׁט פוּן דֶעם, עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין נָאכְוֵוייעֶן, עֶס הָאט זֵייעֶר אַ גוּטֶע גֶערוּךְ, אַלֶע אַרוּמִיגֶע וֶוערְן אוֹיף פְרֵיילִיךְ פוּן שִׂמְחָה, בְּקִצּוּר אַ וַויין אֵיינְס אִין דֶער וֶועלְט.

וואוּ קוֹיפְט מֶען דָאס? דוּ מַאכְסְט מִיר זֵייעֶר בַּאגֵייסְטֶערְט פוּן דֶעם אוּנְגַארִישְׁן וַויין, וואוּ שַׁאפְט מֶען דָאס? עֶס אִיז נָאךְ מֶעגְלִיךְ צוּ שַׁאפְן פַאר פּוּרִים?

בֵּיינִישׁ כֶ'על דִיר זָאגְן, עֶס אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶער סֵפֶר וָואס דָארְט אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער וַויין!

מַאכְסְט פוּן מִיר שְׁפַּאס, אַ סֵפֶר? וַויין? וָואס דְרֵייסְטוּ מִיר דֶעם קָאפּ, דוּ הַאלְטְסְטוּ שׁוֹין נָאכְן שִׁכְרוּת, הַא?

יָא, יָא בֵּיינִישׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָארְט אַ שְׁטִיקֶעלֶע וֶועסְט נִישְׁט גְלֵייבְּן וָואס ס'שְׁטֵייט דָארְט. מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק קֶען אוֹיפְהֵייבְּן אַלֶע נְפָשׁוֹת פוּן דִי הֶעכְסְטֶע צַדִּיקִים בִּיז דֶעם נִידְרִיגְסְטְן אִיד וָואס לִיגְט בַּאגְרָאבְּן אִין טִיפְן שְׁאוֹל, און הָמָן הָרָשָׁע אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, זַיין כַּוָּונָה אִיז נָאר צוּ צֶעהַאקְן, צֶעקְוֶועטְשְׁן צֶעטְרֶעטְן אַלֶעמֶען. דִי גַאנְצֶע מַעֲלָה פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר הָאט יְרִידוֹת און חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אַז אַ מֶענְטְשׁ פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע וֶועלְט מִיט יְרִידוֹת, מְשׁוּגַעַת'ן בִּלְבּוּלִים, און רֶעכְן אוֹיס וַוייטֶער דִי אַלֶע עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָנ'יקֶעס אִין דִי רְשִׁימָה, אַז אַזַא אִידֶעלֶע גִיבְּט זִיךְ אַ קְלֵיינֶע דְרֵיי צוּם בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע הַעְתָּקָה יֶעדֶע טְרָאפְּקֶעלֶע וָואס עֶר רִירְט זִיךְ צוּם גוּטְן, מִיטְן כֹּחַ פוּן צַדִּיק מֶעקְט עֶר אוֹיס עֲמָלֵק!

דָאס אִיז דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין פוּן וָואס דוּ רֶעדְסְט? וואוּ קֶען מֶען עֶס קוֹיפְן?

אִין דִי טֶעג פַּארְקוֹיפְט מֶען עֶס. וְעַכְשָׁו קֶען מֶען עֶס קוֹיפְן, אֵיין סָארְט וַויין אִיז: "לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת" עֶס אִיז גָאר אַ גֶעשְׁמַאקֶע וַויין, וֶוער עֶס טְרִינְקְט עֶס וֶוערְט שִׁכּוֹר פוּן שִׂמְחָה. פַארְגֶעס נִישְׁט בֵּיינִישׁ פוּנֶעם דְרַייצֶענֶער וַויין.

וָואס סְ'אִיז אַלְט דְרַייצְן יָאר?

נֵייין, דְרַייצְן הֵיילִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת, פוּן שָׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת, דֶער סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, דֶער וַויין לָאזְט אִיבֶּער אַ הֵיילִיגֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיפְן אִיד, וֶועל זִיךְ אוֹיס אֵיין מַעֲשֶׂה, אוּן בַּאלֶעקְט זִיךְ דִי פִינְגֶערְס..

נָאךְ אַ זִיסֶע נַאסֶע וַויין הָאבּ אִיךְ צוּ פָארְשְׁטֶעלְן, זַייעֶר פְלִיסִיג אוּן בַּא'טַעמְ'ט, עֶס הֵייסְט: "לִקּוּטֵי תְפִלּוֹת" עֶס מַאכְט מַמָּשׁ אַזַא תִקְוָה, דִי מוּזְט עֶס פַארְזוּכְן, נִישְׁטָא קַיין אִיד וָואס הָאט גֶעטְרִינְקֶען פוּן אָט דֶעם 'יַיִן יָשָׁן' אוּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין הִרְהוּר תְשׁוּבָה, קֶענְסְט קוּקְן דָארְט אוֹיף פּוּרִים אַ אוֹיסְגֶעוָאסֶענֶע תְּפִלָּה (ל"ז חלק ב').

נָאכְדֶעם אִיז דָא אַזַא אִינְטֶערֶסַאנְטֶע וַויין, עֶס אִיז גֶעמַאכְט פוּן בְּלֶעטְלֶעךְ!

וָואס אַ נַייעֶ מַעֲשֶׂה, אַ וַויין פוּן בְּלֶעטְלֶעךְ?

יָא, בֵּיינִישׁ, אִיךְ וִויל דִיר זַייעֶר פָארְשְׁלָאגְן עֶס צוּ פַארְזוּכְן. עֶס אִיז אַן אַלְטֶער וַויין שׁוֹין אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אַכְצִיג יָאר, מִיטְן אַמָאלִיגְן טַעַם, אָבֶּער עֶס אִיז פְרִישׁ וִוי יֶעצְט אַרוֹיס פוּן קֶעלֶער, נִישְׁט צוּם גְלֵייבְּן, גֵיי קוֹיפְן דֶערְפוּן אַ גַאנְצֶע קֶעסְטְל, אוּן טֵייל מִיט פַאר דַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד אוּן שְׁכֵנִים, מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער פוּן אֵיין בְּרִיוועלֶע לֶערְנֶען דֶערְפוּן פּוּרִים אוּן סְ'וֶועט זִיךְ טַאנְצְן אַפָּאר שָׁעָה!!

אַזוֹי?! נָא זָאג שׁוֹין דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם וַויין?

"עָלִים לִתְרוּפָה", כְ'הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט, עֶס אִיז אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁמַאקֶע הֵיילוּנְגְס בְּלֶעטְלֶעךְ.

דִי אַלֶע וַויינֶען קֶען מֶען קוֹיפְן אוּן זִיךְ אָנְטְרִינְקֶען אִין אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ע שְׁטִיבְּלֶעךְ אִין אַלֶע פֶעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער דוּרְכְאוֹיס דִי טֶעג פוּן פּוּרִים, זֵיי נִישְׁט קַיין נַאר, דֶער הָמָן ווִיל קָרְחָה מַאכְן פוּן אוּנְז, אוּן דֶער צַדִּיק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "אוּן אִיךְ הֵייל זִי", עֲמָלֵק שִׁיסְט פוּלְוֶוער אוּן דֶער רֶבִּי הֵיילְט אוֹיס. בֵּיינִישׁ, וְעַכְשָׁו... דִי רֶגַע נֶעם שׁוֹין אַ סֵפֶר פוּן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן עַצְבוּת, דְאָגוֹת, תַאֲווֹת, דִמְיוֹנוֹתְ'לֶעךְ, פַאנְטַאזִיעֶס, מַחֲלוֹקוֹת, קִנְאָה, שִׂנְאָה, גָארְנִישְׁט וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן נָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת..

נוּ דוּ לוֹיפְסְט שׁוֹין? כַאפּ אוֹיךְ אוֹיפְן וֶועג אַ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אָבֶּער טְרִינְק נִישְׁט אַלֶעס אוֹיף אֵיין מָאל וַוייל, סְ'אִיז אִיבֶּער דַיינֶע כּוֹחוֹת. פּוּרִים מֵיינְט פֵּירוּרִים, אַ בְּרֶעקֶעלֶע, אַ טְעִימָה'לֶע, אַ בִּיסְקֶעלֶע..

נָאךְ אַ מִינוּט בֵּיינִישׁ, פַאר דִי הֵייבְּסְט אָן טְרִינְקֶען! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס הָאט טוֹעֶם גֶעוֶוען דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, דָאס מֵיינְט מַיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת וֶועט מֶען אִים נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן מִיט אַנְדֶערֶע וַויינֶען, אוֹיךְ נָאךְ הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג וֶוען מֶען וֶועט טֵיילְן דֶעם יַיִן הַמְשֻׁמָּר, וֶועט מֶען אִים נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן!"

יָא יָא, אִיךְ גֵיי שׁוֹין קוֹיפְן!! אִיךְ לוֹיייייייייייייף.





# פּוּרִים אִין לַאנְד!

## עֲבוֹדוֹת און סִפּוּרִים פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פון פּוּרִים

אִין אֵיינֶע פוּן דִי יָארְן פּוּרִים אִין שׁוּל מֵאָה-שְׁעָרִים וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גוּט אָנְגֶעטְרִינְקֶען הָאט זִיךְ הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל צֶצִיק זַ"ל זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַ"ל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פּוּרִימְ'דִיגְן מוּסָר שְׁמוּעֶס... עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אַיי אַיי אַמָאל הָאבְּן מִיר גֶעהַאט דָא אַ שְׁמוּאֵל א' עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִין אַלְט שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעמַאכְט קוֹלוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט קַיין צוּרַת מַטְבֵּעַ, וִוי אַזוֹי עֶס קוּקְט אוֹיס גֶעלְט... אָבֶּער הַיינְט הָאבְּן מִיר שׁוֹין אַ שְׁמוּאֵל ב'... עֶר דִינְט נָאךְ וַוייטֶער הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן אִיז אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דִי וֶועלְט אָבֶּער עֶר וֵוייסְט שׁוֹין אַבִּיסְל וִוי גֶעלְט קוּקְט אוֹיס אוּן עֶר לֵייגְט עֶס שׁוֹין אֲפִילוּ אַרַיין אִין קֶעשֶׁענֶע...

פוּן זַייט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא אוּן גֶעשְׁלוּגֶען מִיט דָארְשְׁט דִי וֶוערְטֶער, וֶוען עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּ דִי חֲסִידִים אַרוּם מִיט אַ תְּמִימוּת פוּל מִיט חֵן: "עֶר אִיז אַזוֹי גֶערֶעכְט... אַיי אִיז עֶר גֶערֶעכְט..."

~~ ~~

וִוי בַּאוואוּסְט אִיז דִי וֶועג צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען פַארְמַאכְט אִין יֶענֶע יָארְן, אַזוֹי אַז דִי חֲסִידִים פְלֶעגְן דִי גַאנְצֶע צַייט בֶּענְקֶען אוּן הָאפְן זוֹכֶה זַיין אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי'נְס צִיּוּן. פּוּרִים נָאכְן טְרִינְקֶען וֶוען נִכְנַס יַיִן יָצָא סוֹד, הָאט מֶען גֶעקֶענְט הֶערְן דִי גְרוֹיסֶע בֶּענְקֶענִישׁ וִוי עֶס גִיסְט זִיךְ אוֹיס מִיט אַ טִיפֶער גֶעוֵויין

**'אִיךְ וִויל גֵיין צוּם רֶבִּי'ן...'**




אֵיינְמָאל אִיז ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַ"ל אַרוֹיסְגֶעלָאפְן פוּן שׁוּל אִינְמִיטְן פּוּרִים אוּן אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אַ טֶעקְסִי, וֶוען דֶער דְרַייוֶוער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט צוּ וואוּ וִויל עֶר פָארְן? "**קַיין אוּמַאן....**" הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן:

פוּן דִי אֵיינְצִיגֶע וָואס הָאבְּן יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ, וֶועלְכֶער אִיז גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן אִיז אַרִיבֶּער אַסַאךְ סַכָּנוֹת, נָאךְ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוּמְקֶערְן בְּשָׁלוֹם פְלֶעגְן אִים דִי חֲסִידִים זֵייעֶר מְקַנֵּא זַיין זַיין גְרוֹיסְן זְכוּת אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם תִּיקוּן צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן. אֵיין יָאר פּוּרִים הָאט זִיךְ ר' שְׁמוּאֵל

שַׁפִּירָא גֶעזֶעצְט נֶעבְּן ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ און זִיךְ מַמָּשׁ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי אִים, **"בִּיטֶע בִּיטֶע בִּיטֶע, פַּארְקוֹיף מִיר אַיין תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אִיךְ בִּין דִיר גְרֵייט צוּ גֶעבְּן וָואס דוּ וֶועסְט נָאר בֶּעטְן!"** אָבֶּער ר' שְׁמוּאֵל הָאט אִים קְלָאר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, בְּשׁוּם אוֹפֶן אִיךְ פַּארְקוֹיף נִישְׁט אַזֶעלְכֶע זַאכְן!"

אָבֶּער ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁרָאקְן און הָאט אִים וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן און גֶעבֶּעטְן: "וָואס אַרְט עֶס דִיר? פַּארְקוֹיף מִיר דִי פָּשׁוּטְ'סְטֶע, שְׁוַואכְסְטֶע תִּיקּוּן הַכְּלָלִי וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט שְׁנֶעל אָן קֵיין כַּוָּונָה, דֶער עִיקָר עֶפֶּעס גִיבּ מִיר..." אָבֶּער ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ הַאלְט זִיךְ בַּיי זַיינְס: "נֵיין! נֵיין! נֵיין!"

בִּיז ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אוֹיבּ דוּ פַּארְקוֹיפְסְט מִיר דִי שְׁוַואכְסְטֶע תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן בִּין אִיךְ גְרֵייט דִיר צוּ אַוֶועקְגֶעבְּן פַאר דֶעם מַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא....!!!".



שׁוֹין אוֹיף אַזַא זַאךְ אִיז שׁוֹין ר' שְׁמוּאֵל עֶפֶּעס וֵוייכֶער גֶעוָוארְן, דֶער עוֹלָם-הַבָּא פוּן ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא אִיז נִישְׁט קֵיין קְלֵיינִיגְקֵייט... אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר גֶעטַעֲנָה'ט פַאר ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא: אֲפִילוּ דַיין עוֹלָם הַבָּא אִיז נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְד פַאר אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, ווייל דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז אַ זִיכֶערֶע זַאךְ, אִיךְ הָאבּ עֶס פַארְדִינְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אָבֶּער דַיין עוֹלָם הַבָּא אִיז נָאכְנִישְׁט זִיכֶער... אִיךְ ווייס וָואס וֶועט זַיין מִיט דִיר עַד מֵאָה וְעֶשְׂרִים?".

הָאט זִיךְ ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא צֶעוֵויינְט מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע בְּכִיּוֹת: **"הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר ר' שְׁמוּאֵל, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ דִיר גֶעבְּן?"** אוֹיף אַזַא גֶעוויין אִיז שׁוֹין ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען און עֶר הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט צוּ דֶעם גֶעשֶׁעפְט! עֶר גִיבְּט אַוֶועק פַאר ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַיין שְׁוַואכְסְטֶע תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים רֶבִּין און ר' שְׁמוּאֵל גִיבְּט אִים אַוֶועק פַאר דֶעם זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא!.... ר' שְׁמוּאֵל אִיז נִיט גֶעבְּלִיבְּן מִיטְן צוּזָאג עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ פַּאפִּיר מִיט אַ פֶּענֶע און זֵיי הָאבְּן אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן און זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט ר' נַחְמָן בּוּרְשְׁטֵיין ז"ל פַאר אַ עֵדוּת, אַלֶע הָאבְּן גֶע'חַתְמֶ'עט און ר' שְׁמוּאֵל אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערגְלִיקְלִיךְ.

אָבֶּער נָאךְ פּוּרִים הָאט ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ אָנְגֶעקְלַאפְּט בַּיי ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא אִין שְׁטוּבּ און גֶעטַעֲנָה'ט אַז דִי גַאנְצֶע גֶעשֶׁעפְט צְווִישְׁן זֵיי אִיז בָּטֵל וּמְבֻטָּל, עֶר טַעֲנָה'ט מִיט זִיכֶערְקֵייט: "הָאסְט אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן מִיר אַ זַאךְ אִינְמִיטְן פּוּרִים, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שִׁכּוֹר און נִישְׁט מִיטְן קְלָארְן שֵׂכֶל, סְאִיז אַ מֶקַח-טָעוּת... אַזַא זַאךְ אִיךְ זָאל פַארְקוֹיפְן אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים רֶבִּי'ן?" ר' שְׁמוּאֵל הָאט פְּרָאבִּירְט טַעֲנָה'ען אַז גֶעשֶׁעפְט אִיז גֶעשֶׁעפְט מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ שְׁטַר, אָבֶּער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, ר' שְׁמוּאֵל הוֹרוִויץ הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעטְרָאטְן בִּיז וֶוען דֶער שְׁטַר אִיז גֶעוָוארְן צֶערִיסְן און דֶער גַאנְצֶער הֶסְכֵּם אוּמְגִילְטִיג.

יָארְן אַרוּם הָאט זִיךְ דֶער בַּאשֶׁעפֶער דֶערְבַּארֶעמְט אוֹיף ר' שְׁמוּאֵל און עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַלֵיין אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן.

טַאטֶע, אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִּים, אוּן גְרוֹיסֶע פָּארְכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעטוּן צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין אַלֶע דוֹרוֹת, נִסִּים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְּכַי אוּן אֶסְתֵּר, וֶוען הָמָן הָרָשָׁע יִמַּח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי אִידְן.

וָואס דֶער נֵס פוּן פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע נִסִּים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פוּן אַלֶעמָאל. אוּן דוּ הָאסְט אוּנְז צוּאוִוִיסְן גֶעטוּן דוּרְךְ דַיינֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: אַז "אַלֶע מוֹעֲדִים וֶוען וֶוערְן בָּטֵל אָבֶער דִי טֶעג פוּן פּוּרִים וֶועלְן נִישְׁט בָּטֵל וֶוערְן".

אִין אָנְהֵייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פֶּסַח, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען אַ זֵכֶר צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם, אוּן הַיינְט.... (אִיז אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים)

**רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק, אוּן אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה**

***אַ תְּפִלָּה פַאר פּוּרִים***

# סיפורי מעשיות מעשה י' - דער בערגער און דער ארימאן 3

אוּן דֶער 'בֶּערְגֶער', אִיז אִים גֶעפַאלְן אִין זִין [אַיינְגֶעפַאלְן אִין גֶעדַאנְק] אַרַיין: "אַז עֶר זָאל זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין, מִיט דֶעם 'אָרִימַאן' – מַחֲמַת אִיר גְרוֹיס 'שֵׁיינְקֵייט', וָואס סְ'גֶעוֶוען אַזוֹי אַ [אַזַא] 'חִידּוּשׁ'"! – אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: "אֶפְשַׁר וֶועט דֶערוֹיף בַּאַדַייטְן דֶער 'חָלוֹם' (וָואס סְ'הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלוֹמְ'ט): אַז מְ'טְרָאגְט אִיבֶּער [אַרִיבֶּער] זַיינְס צוּם 'אָרִימַאן', אוּן פוּן דֶעם 'אָרִימַאן' טְרָאגְט מֶען אִיבֶּער צוּ אִים (כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – אֶפְשַׁר בַּאַדֵייט עֶס דֶערוֹיף: אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין – [בְּמֵילָא] וֶועלְן זֵיי אִינְאֵיינֶעם אוֹיסְגֶעמִישְׁט וֶוערְן דוּרְךְ דֶעם 'שִׁידּוּךְ'"!

אַמָאל אִיז דֶעם 'אָרִימַאנְ'ס וַוייבּ', אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם 'בֶּערְגֶער – הָאט עֶר עֶס אִיר גֶעזָאגְט: "אַז עֶר הָאט חֵשֶׁק מִיט אִיר זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין – אוּן אֶפְשַׁר וֶועט דֶערְמִיט מְקוּיָּים וֶוערְן דֶער 'חָלוֹם', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

הָאט זִי אִים גֶעעֶנְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיךְ אִינְזִין גֶעהַאט – נָאר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין 'הֶעָזָה' [חוּצְפָּה], אִיךְ זָאל מִיט אַייךְ דֶערְפוּן שְׁמוּעֶסְן, אַז אִיךְ זָאל מִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אַייךְ – נָאר אַז אִיר ווִילְט, בִּין אִיךְ אַוַודְאַי גְרֵייט – אוּן אִיךְ וֶועל [דָאס] בְּוַודְאַי פוּן אַייךְ נִישְׁט פַארְמַיידְן – וָוארְן אִיךְ הָאבּ זִיךְ [דָאךְ] גֶעשְׁוואוֹירְן: אַז גָאר

מײַן ׳גוטס׳ און מײַן ׳הַצלָחָה׳, זָאל פון אײך נישט זײַן פַּארמיטן״!

און דער ׳זוהן׳ (פון דעם ׳בערגער), און די ׳טָאכטער׳ [פון דעם ׳אָרימאַן׳] – האבן בײדע געלערנט אין אײן ׳חֵדר׳, ׳לשונות׳ [שפּראַכן] און אַנדערע זאַכן – אַזױ־װי דער סדר איז בײַ זײ.

און די ׳טָאכטער׳, פלעגט מען קומען זי זעהן, מַחֲמַת [צוליב איר] גרױס ׳חידוש׳ – און מ׳האט אַלץ געשענקט ׳מַתָּנוֹת׳ – ביז דער ׳אָרימאַן׳ איז ׳רײַך׳ געװארן.

און ס׳פלעגן קומען ׳שׂרָרוֹת׳ [שׂרים] זי זעהן – און זי איז זײ זײער געפעלן – און איר ׳שײנקײט׳, איז בײַ זײ אַ ׳װילד חידוש׳ געװען – װארן סע [ס׳איז] גארנישט געװען קײן ׳מענטשליך שײנקײט׳.

און מַחֲמַת [צוליב] איר ׳װילד־גרױס שײנקײט׳ – איז ׳שׂרָרוֹת׳ [שׂרים] געקומען אױף דעם זין [געדאַנק]: ״אַז זײ זאלן זיך מְשַׁדֵּךְ זײַן, מיט דעם ׳אָרימאַן׳״! – און אַ ׳שׂרָרָה׳ [שׂר] װאס ער האט געהאט אַ ׳זוהן׳, האט ער חֵשֶק געהאט, זיך מְשַׁדֵּךְ זײַן מיט איר!

לושמיר [אָבער] ס׳איז [פאר] די ׳שׂרָרוֹת׳, נישט אָנגעשטאַנען [ס׳האט זײ נישט געפּאסט] מיט אים זיך מְשַׁדֵּךְ זײַן (דהַיינו: מיט דעם ׳אָרימאַן׳) – איבערדעם [צוליב דעם] האבן זײ געמוזט זעהן, זיך מִשְׁתַּדֵּל זײַן, דעם ׳מענטש׳ גרױס מאַכן (דהַיינו: דעם ׳אָרימאַן׳)!

און זײ האבן געזעהן [זיך מִשְׁתַּדֵּל געװען]: אַז ער זאל דינען בײַם ׳קֵיסָר׳!

און ער איז געװארן פריער, אַ ׳פּראַפּירטשיק׳ [קלײנע גענעראַל] – און דערנאך העכער־העכער אַלעמאל – װארן זײ האבן געזעהן, אים גיך [שנעל] צו הײבן אַלעמאל – ביז ער איז גיך געװארן אַלעמאל העכער־העכער – ביז ער איז געװארן אַ ׳יעדניראַל׳ [גענעראַל]!

און די ׳שׂרָרוֹת׳ האבן שױן געװאלט זיך מְשַׁדֵּךְ זײַן מיט אים – נאר ס׳זענען געװען אַסאך ׳שׂרָרוֹת׳ װאס זײ האבן דאס געװאלט – װארן אַסאך ׳שׂרָרוֹת׳ זענען דערױף געפאלן [אױפגעקומען], און האבן זיך דערינען געפּארעט, צו הײבן אים אַלעמאל – (איבערדעם האט ער זיך נישט געקענט מיט קײנעם מְשַׁדֵּךְ זײַן)!

און דערצו האט ער זיך נישט געקענט מיט קײנעם מְשַׁדֵּךְ זײַן – מַחֲמַת דעם ׳בערגער׳ – װארן מ׳האט שױן געשמועסט, אַז מ׳זאל זיך מְשַׁדֵּךְ זײַן מיט אים!

און דער ׳אָרימאַן׳, װאס ער איז שױן געװארן אַ ׳יעדניראַל׳ – האט ער װײטער און װײטער [מער און מער] זײער מַצליחַ געװען – און דער ׳קֵיסָר׳ פלעגט אים שיקן אין ׳מלחמות אַרײַן׳ – האט ער זײער מַצליחַ געװען אַלעמאל – האט אים דער ׳קֵיסָר׳ נאך העכער אױפגעהױבן אַלעמאל, העכער־העכער – און ער האט אַלץ זײער מַצליחַ געװען.

ביז דער ׳קֵיסָר׳ איז געשטארבן!

האט זיך די ׳גאַנצע מדינה׳ מְיַישֵׁב געװען: ״אַז זײ זאלן אים מאַכן פאר ׳קֵיסָר׳״! – און ס׳זענען צום אױפגעקומען [צונױפגעקומען] אַלע ׳שׂרָרוֹת׳, און זײ האבן אַלע מַסכּים געװען: ״אַז ער זאל זײַן קֵיסָר״!

איז ער געװארן ׳קֵיסָר׳ (הַיינו: דער ׳אָרימאַן׳ הנ״ל [װאס אױבנדערמאַנט] איז שױן געװארן ׳קֵיסָר׳)!

און ער האט געהאלטן ׳מלחמות׳ – און

עֶר הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען – אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען 'מְדִינוֹת'!

אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער 'מִלְחָמוֹת' גֶעהַאלְטְן – אוּן הָאט אַלְץ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען – אוּן הָאט אַלֶעמָאל וַוייטֶער אָפְּגֶענוּמֶען 'מְדִינוֹת'!

בִּיז דִי אִיבְּרִיגֶע 'מְדִינוֹת', הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין אוּנְטֶערְגֶעגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים, מִיט גוּטְן וִוילְן – וָוארְן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן, [אַז] דִי 'הַצְלָחָה' זַיינֶע אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס – וָוארְן גָאר דָאס 'שֵׁיינְקֵייט' פוּן 'דֶער וֶועלְט', אוּן גָאר דָאס 'מַזָל' פוּן 'דֶער וֶועלְט', אִיז בַּיי אִים!

הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעזַאמְלְט אִינְאֵיינֶעם אַלֶע 'מְלָכִים' – אוּן הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען: "אַז עֶר זָאל זַיין אַ 'קֵיסָר', אִיבֶּער 'גָאר־דֶער־וֶועלְט'"! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ 'כְּתַב' מִיט 'גִילְדֶענֶע אוֹתִיּוֹת'!

אוּן דֶער 'קֵיסָר' (דְהַיְינוּ: דֶער 'אָרִימַאן' וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן 'קֵיסָר' אִיבֶּער 'גָאר־דֶער־וֶועלְט') – הָאט שׁוֹין הַיינְט נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דֶעם 'בֶּערְגֶער' – וָוארְן ס'שְׁטֵייט נִישְׁט אָן [ס'פַּאסְט נִישְׁט, אַז] אַ 'קֵיסָר' זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אַ 'בֶּערְגֶער'!

אוּן זַיין 'וַוייבּ' דִי 'קֵיסֶרְ'טֶע' – זִי הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעטְרֶעטְן פוּן דֶעם 'בֶּערְגֶער' (דְהַיְינוּ: זִי הָאט מִיט דֶעם 'בֶּערְגֶער' גֶעהַאלְטְן – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ 'מוֹסֵר־נֶפֶשׁ' גֶעוֶוען פוּן אִירֶעט וֶועגְן, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

הָאט דֶער 'קֵיסָר' גֶעזֶעהְן: "אַז עֶר קֶען קַיין [אַנְדֶערֶע] 'שִׁידוּךְ' נִישְׁט טָאן, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם 'בֶּערְגֶער' – בִּפְרַט [אַז] זַיין 'וַוייבּ' [דִי 'קֵיסֶרְ'טֶע'] הַאלְט מִיט אִים זֵייעֶר"!

דְרוּם [דֶערִיבֶּער] הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן 'מַחֲשָׁבוֹת' אוֹיף דֶעם 'בֶּערְגֶער'!

אוּן אִין דֶער תְּחִילָה [אִין אָנְהֵייבּ] הָאט עֶר גֶעזֶעהְן, אִים בְּדַלוּת צוּ שְׁטֶעלְן [אַוֶועקְצוּנֶעמֶען זַיין גֶעלְט, עֶר זָאל וֶוערְן אָרִים] – אוּן עֶר הָאט גֶעטָאן 'תַּחְבּוּלוֹת' [מִיטְלְן], גְלַייךְ אַז וִוי [כְּאִילוּ] ס'אִיז נִישְׁט פוּן אִים – אוּן הָאט אַלְץ גֶעזֶעהְן אִים גוֹרֵם צוּ זַיין 'הֶיזֵיקוֹת' [שָׁאדְנְס]! – אוּן אַ 'קֵיסָר' קֶען דָאס בְּוַודַאי טָאן.

הָאט מֶען אִים אַלֶעמָאל שָׁאדְן גֶעטָאן – אוּן מְ'הָאט אִים אַלְץ 'אִיזְבּוֹיט גֶעלְט' [צוּגֶענוּמֶען גֶעלְט אוּן פַּארָארִימְט] – בִּיז עֶר אִיז בְּדַלוּת גֶעוָוארְן, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַ 'אָרִימַאן'!

אוּן זִי דִי 'קֵיסֶרְ'טֶע' – הָאט אַלְץ מִיט דֶעם 'בֶּערְגֶער' גֶעהַאלְטְן!

נָאכְדֶעם הָאט דֶער 'קֵיסָר' גֶעזֶעהְן: "אַז כָּל־זְמַן [וִוילַאנְג] דֶער 'זוּהְן' לֶעבְּט (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן') – קֶען עֶר קַיין אַנְדֶערֶען 'שִׁידוּךְ' נִישְׁט טָאן".

הָאט דֶער 'קֵיסָר' זִיךְ מִשְׁתַּדֵל גֶעוֶוען: "דֶעם 'בָּחוּר' מַעֲבִיר [צוּ] זַיין [אַוֶועקְנֶעמֶען] פוּן 'דֶער וֶועלְט'" – אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט מַחֲשָׁבוֹת: "אִים מַעֲבִיר צוּ זַיין" – אוּן עֶר הָאט אוֹיף אִים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט 'בִּלְבּוּלִים' – אוּן הָאט אוֹיף אִים גֶעזֶעצְט 'שׁוֹפְטִים': "זֵיי זָאלְן אִים מִשְׁפְּטְ'ן".

אוּן דִי 'שׁוֹפְטִים' הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דֶעם 'קֵיסָרְ'ס' רָצוֹן אִיז, אַז מְ'זָאל אִים מַעֲבִיר־מִן־הָעוֹלָם זַיין"!

הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעגֶעבְּן [גֶעפַּסְקְ'נְט] דֶעם 'מִשְׁפָּט': "אַז מְ'זָאל אִים אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ 'זַאק' (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בָּחוּר', דֶער 'זוּהְן' פוּן דֶעם 'בֶּערְגֶער') – אוּן מְ'זָאל אִים אַרַיינְוַוארְפְן אִין 'יָם' אַרַיין"!

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (3)

**א. ווען דער בערגיר האט געבעטען די ווייב פונעם ארימאן זיך צו משדך זיין, וואס האט זי געענטפערט?**

- ❑ אויב איר ווילט בין איך זיכער גרייט
- ❑ יא
- ❑ ניין

**ב. וואס האט מען צום ערשט געמאכט דעם ארימאן?**

- ❑ פאר א פראפירטשיק
- ❑ פאר א יעדניראל
- ❑ פאר א שר

**ג. וואס איז דער ארימאן געווארן צום סוף?**

- ❑ א יעדניראל
- ❑ א קיסר איבער די גאנצע וועלט
- ❑ א קיסר

**ד. וואס האבן די קעניגן געגעבן פאר׳ן קיסר?**

- ❑ אסאך טייערע מתנות
- ❑ א גאלדענע קרוין מיט דימאנטן
- ❑ א כתב מיט גילדענע אותיות

**ה. פארוואס האט דער ארימאן זיך נישט געוואלט זיך משדך זיין מיט׳ן בערגיר?**

- ❑ ווייל עס פאסט נישט אז א יעדניראל זאל זיך משדך זיין מיט א בערגיר
- ❑ ווייל עס פאסט נישט אז א קיסר זאל זיך משדך זיין מיט א בערגיר
- ❑ ווייל די ווייב פון ארימאן האט נישט געוואלט זיך משדך זיין

**ו. וואס האט דער קיסר געטראכט צו טאן מיט׳ן זון פונעם בערגיר?**

- ❑ אים צו מאכן ארים
- ❑ אים מעביר זיין פון די וועלט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

### טיפער געדאנק



**מיט וואספארא נישט גוטע מידה האט זיך דער ארימאן געפירט צום בערגיר?**
**צו וועלכע דרגות האט מען ארויפגענומען דער ארימאן כדי די שרים זאלן קענען זיך משדך זיין מיט אים?**

**תשובות פון פאריגע וואך:**

**אין וועלכע נאך מעשה פון סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט אז איינער האט געוועקט דעם אנדערן?**

מעשה א׳, און הָאט אִים זֵייעֶר גִיוֶועקְט. עֶר הָאט זִיךְ אַבֶּער נִיט גִיקֶענְט דֶער וֶועקִין,
מעשה ז׳, הָאבְּן זֵיי גִיקְלַאפְּט אַרוּם אִים. כְּדֵי זֵיי זָאלִין אִים אוֹיף וֶועקִין. אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גִיהֶערְט.

**דער געווינער פון בערגיר וועני #1 איז: הילד החשוב מנחם אנשין, בית שמש. 5176****
**מען קען באקומען א מתנה ביים משגיח אין חדר ברסלב ב״ש ר׳ יואל יאראוויטש הי״ו**

צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

אַ קִינְד אִיז אַמָאל זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין פָּאטֶער, דֶער זוּן הָאט גֶעהַאט גֶעוַואלְדִיגֶע בֶּענְקֶענִישְׁן צוּם טַאטְן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער טַאטֶע גֶעהַאט גַּעְגוּעִים צוּם קִינְד.

נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט זִיךְ דֶער טַאטֶע בַּארֶעכְנְט צוּם פָּארְן צוּם קִינְד, דָאס קִינְד הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעמַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן צוּ פָּארְן צוּ זַיין טַאטֶע, בֵּיידֶע הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אוּן וִוי מֶער זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט הָאט זִיךְ פַּארְמֶערְט זֵייעֶר בֶּענְקֶענִישְׁן. אַזוֹי פָּארְן זֵיי צוּ נֶענְטֶער אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, דֶער טַאטֶע צוּם קִינְד, דָאס קִינְד צוּם טַאטְן. זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי נָאנְט, עֶס אִיז נִישְׁט מֶער וִוי צְוֵויי פַּרְסָה (אַזַא מָאס וֵוייטְקֵייט) צְווִישְׁן זֵיי.

דֶער טַאטֶע הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען אַז לוֹיט זַיינֶע בֶּענְקֶענִישְׁן וִוי עֶר לֶעכְצְט אַזוֹי צוּם קִינְד וֶועט עֶר מֶער נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן דִי צְוֵויי פַּרְסָה צוּ בַּאגֶעגֶענֶען זַיין קִינְד, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער קִינְד הָאט גֶעהַאט דֶעם זֶעלְבְּן גֶעפִיל אַז עֶר הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס צוּ וַוארְטְן נָאךְ צְוֵויי פַּרְסָה, אוֹיבּ וַוארְט עֶר נָאךְ דִי קוּמֶענְדִיגֶע טְרִיט וֶועט עֶר חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסְגֵיין פוּן גְלוּסְטֶענִישְׁן.

הָאבְּן דִי צְוֵויי אָפְּגֶעמַאכְט אַוֶועקְצוּפַארְן דִי

## בֶּענְקֶענִישְׁן

בֶּענְקֶענִישְׁן אוּן מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן דֶערְפוּן. אִינְדֶערְצְוִוישְׁן קוּמְט אֵיינֶער צוּ פָּארְן מִיט אַ וָואגְן, עֶר כַאפְּט דֶעם זוּן אוּן בְּרֶענְגְט אִים גֶעשִׁיקְט צוּם טַאטְן! וָואסְפַאַרַא גֶעוַואלְדִיגֶע הֲנָאָה אוּן ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע תַּעֲנוּג הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט נָאנְטְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם זוּן צוּם טַאטְן נָאכְן הָאבְּן אַזֶעלְכֶע גַּעְגוּעִים אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.

דֶער צַדִיק, עֶר אִיז דָאךְ אַ זוּן פוּן הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ, אָבֶער לַיידֶער אִיז דָא אַ מֶסֶךְ הַמַבְדִיל וָואס דֶערְוַוייטֶערְט אִים פוּן זַיין פָּאטֶער דֶער בַּאשֶׁעפֶער. עֶס אִיז דָא בֶּענְקֶענִישְׁן פוּן בַּאשֶׁעפֶער צוּם צַדִיק אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט פוּנֶעם צַדִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער. וִוי נָאר זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ אוּן וֶוערְן שׁוֹין אַזוֹי נָאנְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אַז עֶס אִיז נָאר פַּארְבְּלִיבְּן אַ קְלֵיינֶע וֵוייטְקֵייט צְווִישְׁן זֵיי, אָבֶער זֵיי פַּארְשְׁטֵייעֶן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן מֶער דִי בֶּענְקֶענִישְׁן. זֶענֶען זֵיי מַסְכִּים אָפְּצוּאוַוארְפְן פוּן זִיךְ דִי גַּעְגוּעִים, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאגְט: "הָאבּ אִיךְ דֶען נִישְׁט נָאר דֶעם עֵסֶק, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט דָאךְ אַסַאךְ עוֹלָמוֹת א.א.וו." דֶער צַדִיק וִוידֶער זָאגְט: "הָאבּ אִיךְ דֶען נִישְׁט נָאר דִי גְלוּסְטֶענִישְׁן, אִיךְ הָאבּ דָאךְ נָאךְ גֶעשֶׁעפְטְן (עֲבוֹדוֹת) וָואס אִיךְ בְּרוֹיךְ טוּן, וִוי צִיצִית, תְּפִלִין, אוּן נָאךְ מִצְוֹות, זֶענֶען זֵיי בֵּיידֶע מַסְכִּים אָפְּצוּטוּן פוּן זִיךְ דִי בֶּענְקֶענִישְׁן.

אִינְדֶערְצְוִוישְׁן קוּמְט אַ אִידֶעלֶע מִיט אַ וָואגְן, אוּן

המשך אויף זייט 3

נתנדב ע"י הר"ר שמעון אלי' ברוין הי"ו
לרגל הולדת נכדו למזל טוב
~~~
הר"ר יהודה ברוין לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אלישע גבריאל נוימאן הי"ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י הר"ר מרדכי מאנטעל הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב
~~~